אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

גליון ו'
פרשת עקב-ראה תש"פ


## האסט אפשר געזען? באפאפסטיק!!!

ס'איז תשעה באב ביינאכט, משה קומט אריין מיט די גאנצע ערנסטקייט אין בית המדרש, און ער בלייבט שטיין ביים טיר, **ער גלייבט נישט וואס ער זעט, דער עולם האלט זיך ביי די זייטן, עס זעט אויס ווי ערב פורים מער ווי תשעה באב ביינאכט.** משה טראכט אפשר האב איך זיך טועה געווען מיט די זמן? אפשר איז משיח שוין דא, אבער ניין, דער עולם זיצט אויפן פלאהר, די פרוכת איז אראפ פון די ארון קודש, מוז זיין אז משיח איז נאכנישט דא, און ס'איז יא היינט תשעה באב, נו, אויב אזוי פארוואס האלט זיך דער עולם ביי די זייטן, ער טראכט נישט צו לאנג, ער גייט צו צו זיין חבר דוד, און ער פרעגט אים? דו קענסט מיר מסביר זיין וואס עס גייט דא פאר.

### איז היינט פורים? אדער תשעה באב?

זאגט אים דוד, משה גיב א קוק אויף דיין חבר חיים, משה גייט צו נענטער צו חיים, און ער גלייבט נישט וואס ער זעט, **חיים זיצט אויף די ערד, און ער האט פאר זיך א בארג מיט בילס... די מארטגעדזש... די עלעקטעריק... געז... וואסער... שכר לימוד... גראסערי ... זיין בלוט-טעסט... און אויב דאס איז נישט גענוג, זעט ער ווי ארום אים זענען דא אסאך באטלעך פון זיינע מעדיצינען... ווייטאמינס...** ער קוקט אויף דעם מיט די גאנצע ערנסטקייט, און דער עולם האלט זיך ביי די זייטן... משה טראכט נישט קיין סאך, און ער גוט א שריי...

### חיים, דו ביזט נארמאל???????

חיים דרייט זיך אויס, און מיט די גאנצע ערנסטקייט פרעגט ער פון משה: "משה פארוואס שרייסטו? פארוואס מיינסטו אז איך בין נישט נארמאל?" אוי חיים דו כאפסט נישט, דו ווייסט וואס מ'זאגט היינט ביינאכט???????? יא, איך ווייס, מ'זאגט איכה. נו, פארוואס האסטו געברענגט די אלע זאכן, דיינע אלע בילס, מעדיצינען און ווייטאמינס?

### וואס????? איז געשען מיט דיר???

משה, רעד אביסל שטילער, דער גאנצער עולם קוקט אויף אונז... בסדר, לאמיר גיין אין א זייט. זיי גייען ביידע אין א זייט, און חיים זאגט: "משה, יעצט קען איך דיר מסביר זיין וואס עס גייט פאר... ס'איז זייער פשוט, ס'איז שוין אפאר יאר וואס איך קוק דיר אן, און איך זע ווי דו וויינסט ווען מ'זאגט איכה, ס'קומט דיר טרערן, ס'זאגט זיך ווי א איד דארף זאגן איכה, אבער...

### איך זיץ דא ווי אן אויסגעטריקנטע הושענה!!!

איך האב געלערנט ספרים וועגן אבילות... וועגן די גרויסקייט פון די טאג, אבער ס'רירט זיך נישט, איך בין נאכאלץ אויסגעטריקנט אינגאנצן, איך האב פראבירט צו טראכטן וואס האט גורם געווען אז היינטיגע צייטן זענען מיר אסאך מער אויסגעטריקנט ווי אמאל. נו, האב איך מחליט געווען אז ווי עס זעט זיך אויס אז אמאל האט מען גע'רודפ'ט אידן, מ'האט זיי נישט געלאזט מקיים זיין מצוות, איז מיין פראבלעם אז איך פיל זייער באקוועם, מיר זענען אין די פרייע לאנד, מ'קען טון וואס מ'וויל, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, ממילא האב איך מחליט געווען אז.............

### איך ברענג צו איכה אלע מיינע בילס...

און אלע מיינע מעדיצינען, און אזוי וועל איך פילן אז איך האב א גרויסע פראבלעם, און איך וועל זיין גוט אנגעווייטאגט, און ממילא וועל איך זאגן איכה, און מתפלל זיין אויף משיח, מיט אן אמת, און מיט א צעבראכענע הארץ, איך וועל וויינען פונקט ווי דיר, משה, אבער איך ווייס נישט, און איך כאפ נישט, פארוואס מען האט געלאכט פון מיר... און

### פארוואס? ביי דיר וויינט זיך יא תשעה באב!!!

אפילו דו קומסט אן דיינע בילס, אן דיינע פראבלעמען, אפשר משה האסטו א בעסערע קאפ, און דו קענסט אלעס געדענקען אויף אויסעווייניג, ממילא דארפסטו נישט ברענגען אלע צעטליך?... "ניין חיים, דאס איז נישט די סיבה, נאר וואס דען משה?

### קענסט מיר מגלה זיין די סוד...

איך וועל דיר זאגן די סוד, אבער קודם וויל איך דיר דערציילען א מעשה. א מעשה פארוואס נישט, דערצייל. בסדר. א איד איז אמאל געקומען אין ירושלים צו הרב ר' נח וויינבערג זצ"ל פון אש התורה, און ער האט אים געזאגט: "רבי, מ'זאגט אז ארץ ישראל איז א הייליגע לאנד, **איך בין שוין דא כמעט צוויי חדשים, און איך זע נישט דא קיין הייליגקייט**". האט אים ר' נח געפרעגט: אה, דו ביסט שוין דא צוויי חדשים אין ארץ ישראל, זאג מיר

### דו האסט אפשר געזען באפאפסטיק!!!

**וווווואס??? באפאפסטיק, וואס איז דאס? זאגט אים ר' נח:** "וואס איז א חילוק וואס באפאפסטיק איז, האסט דאס שוין געטראפן? יא, אדער ניין?" **זאגט אים דער איד:** "רבי, אויב ווייס איך נישט וואס באפאפסטיק איז, וויאזוי קען איך וויסן אויב איך האב עס געטראפן, אז איך וועל וויסן וואס דאס איז וועל איך וויסן אויב איך האב אים געטראפן אדער נישט".

### "דאס איז די תירוץ אויף דיין קושיא!"

זאגט אים ר' נח: **אויב דו ווייסט נישט וואס עס מיינט הייליג, וויאזוי קענסטו וויסן אויב דו האסט עס געזען אדער נישט.**

### זייער א שיינע מעשה...

**אבער ווי קומט עס אהער?** איך וועל דיר מסביר זיין חיים, אבער קודם מוז איך דיר דערציילן מיינע סודות. איך האב זיך שוין אלץ קינד געמוטשעט מיטצוהאלטן די לימודים אין חדר, אבער עס איז נישט געווען אזוי שווער, ווייל אין חדר לערנט מען נישט אזוי סאך, און דער רבי גיבט זיך אפ פערזענליך מיט יעדעם. אבער...

### אין ישיבה האבן זיך אנגעהויבן די ריכטיגע פראבלעמען...

מיין טאטע האט געוואלט אז איך זאל לערנען אין א ישיבה פון מצויינים, ער האט פראבירט אלע זיינע פראטעקציעס, און ליידער ליידער איז עס אים געלונגען... ס'איז געווען א גרויסע קלאס, ממילא האט מען זיך נישט געקענט אפגעבן מיט יעדעם פערזענליך, און דער עיקר פון דער מגי"ש איז אז ער זאגט א טיפע לומד'ישע שיעור [איך פארשטיי אים 100 פראצענט, ווייל אזוי האט ער געהאט די למדנים, און עס איז געווען א ריתחא דאורייתא], און ווער עס האט געקענט פרעגן א גוטע קשיא האט זיך געפילט זייער גוט... וכו', און...

### און איך האב זיך נישט געטראפן מיין פלאץ...

איך בין געזעצן ווי א ליימענע גולם. מיין טאטע האט עס באמערקט, האט ער גענומען א

### דבר הגליון

ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, אחר בקשת הרבים להתחיל להפיץ הכתבים שיש לי מהשיעורים, שאני אומר בס"ד בחבורת שבת אחים, ואמרו שיש בזה תועלת גדול, ובפרט אחר ששמעתי מהרבה מרביצי תורה שלקחו חלק מהכתבים שכתבתי כבר מזמן ונתנו להתלמידים והיה בזה תועלת רבה, וגם לרבות דכשמדברים עם השפה של היום אז זה מרגיש שמדברים לו, ממילא עם הודאה על העבר ובקשה על העתיד אני מתחיל בעזהי"ת להפיץ הגליון בס"ד וחפץ ה' בידינו יצליח.

### אם אין קמח אין תורה

וכאן הקריאה יוצא למי שנדבו ליבו לעזור אם ההוצאות, לרגל השמחה, או לע"נ שההוצאות עולה להרבה כסף ופרוטה לפרוטה מצטרפת.

**מחיר ההנצחות**

לע"נ וכדו' $50

ולנדב כל הגליון $200

**פטרון השבוע**

**נתנדב ע"י הרבני הנגיד רודף צדקה וחסד ר' ישראל רייך שליט"א וזכות זה יגן עליו ועל בני ביתו להתברך בכל מילי דמיטיב**


**י"ל ע"י**

**לוי יצחק שנעק**

להערות ולנדבות, ולכל עניני ולקבלת העלון בדוא"ל הגליון יכולן לפנות בכתובות

1965 60th st Brooklyn N.Y. 11204.

315-400-1818

1818yiddish@gmail.com

ולקבל הגליון יש לחקור יכולן לפנות לכתובות דוא"ל

1818yesh@gmail.com

708-929-1818


נתנדב לזכות הרבים ע"י הרוצה בעולם שמו זכות זה יגן עליו להתברך בכל מילי דמיטיב

יונגערמאן וואס זאל לערנען מיט מיר, אז איך זאל קענען מיטהאלטן די לימודים. אבער דאס איז נישט געווען גענוג, ווייל למעשה איז די גאנצע ווינט אין ישיבה געווען ווער עס קען בעסער פרעגן - אדער ענטפערן - תירוצים, און דאס האב איך נישט גוט געקענט. ביז דער אויבערשטער האט מיר מזכה געווען, און איך האב געטראפן א ספר וואס הייסט [וועט הייסן אי"ה, ווען עס וועט זיין געלט צו פארטיגן דעם ספר]

## די שליסל צו הצלחה פאר א בחור אין ישיבה

און דאס האט געטוישט מיין גאנצע לעבן. נו משה, לאמיר הערן וואס האסטו דארט געזען. וואס עס שטייט דארט קען איך דיר נישט זאגן אויף איין פוס, ווייל ס'האט איבער פינף הונדערט דפים. אבער איין נקודה וואס איז נוגע פאר אונז וועל איך דיר זאגן בקיצור. אבער חיים, איך וויל דיר פרעגן אפאר שאלות, נאר לאמיר יעצט לייגן אלע געפילן אין א זייט, לאמיר רעדן אמת און פאקטן, בסדר, איך בין גרייט משה.

## לאמיר שוין הערן די ערשטע שאלה!!!

**שאלה א'**: חיים, וואס איז די גרעסטע מצוה וואס א איד האט? תורה... מיר זאגן דאך יעדן אינדערפרי 'ותלמוד תורה כנגד כולם'. בסדר. **שאלה ב'**: וועלכע תורה איז דאס מערסטע חשוב, וואס אויף דעם שטייט די אלע מדריגות וואס תורה ברענגט? תורה לשמה... **שאלה ג'**: זיי מיר אביסל מסביר בקיצור אין אידיש, וואס מיינט תורה לשמה? פשוט, תורה לשמה מיינט אז איך לערן תורה, פשוט ווייל דער הייליגער באשעפער, דער ממ"ה האט געהייסן לערנען די תורה, און איך וויל זיך מדבק זיין אין דעם באשעפער. **שאלה ד'**: איינער וואס איז ליידער נישט זוכה צו לערנען תורה לשמה, ווען מעג ער לערנען תורה, אפילו אויב עס איז נישט לשמה? אויב ער פלאנט צוביסלעך אנצוקומען צו לערנען תורה לשמה... אקעי חיים. דאס איז עס מיט די קושיות פאר יעצט.

משה, איך פארשטיי נישט וואס דו ווילסט מיט די פיר קושיות? דו גייסטו מיר יעצט זאגן 'עבדים היינו', יא חיים, וויאזוי האסטו געוויסט?

## די תירוץ איז עבדים היינו

משה יעצט מאכסטו שוין פורים, דו האסט שוין פארגעסן אז ס'איז תשעה באב? ניין חיים, איך געדענק זייער גוט ווי מיר האלטן, אבער ווען איך וועל דיר מסביר זיין די גאנצע בילד וועסטו פארשטיין. נו משה לאמיר הערן. זייער פשוט חיים, איך האב גוט אריינגעטראכט אין די מצב אין ישיבה, למעשה האב איך באמערקט אז די גאנצע מהלך המחשבה פון די בחורים איז: "וויאזוי קען איך מאכן אז מ'זאל מיר הערן... מ'זאל קוקען אויף מיר ווי א גוטער בחור... א מתמיד... א למדן... אן עובד... וכדומה". אפילו אויב ער טראכט נישט אזוי ליגט דאס געוועגטליך אונטער זיין מחשבה, איז ער דען נישט באמת אן עבד?

## אאאאבער דער עיקר פעלט

אז איך האב איין תפקיד, צו מאכן א נחת רוח פארן באשעפער, **וואס מיט דעם הייבט זיך עבודת ה' אן, און מיט דעם ענדיגט זיך עס.** ממילא, א בחור וואס האט אן אייזערנע קאפ... ער פארשטייט אלעס... ער געדענקט אלעס... ער האט גוטע חברותות... דער מגיד שיעור קוקט אויף אים... געווענטליך לערנט ער נישט קיין תורה לשמה, ווייל ער האט נישט קיין סיבה צו טראכטן וועגן תורה לשמה, ווייל ער איז מסודר, ער לערנט און דאווענט, און ער האט גוטע חברותות וכו'. ווידער דער שוואכער בחור, וואס קיינער קוקט נישט אויף אים... ער מוטשעט זיך צו פארשטיין די גמ'... מיטצוהאלטן די שיעור... צו טרעפן חברותות... ער האט נישט קיין ברירה, נאר צו גיין גראד צום תכלית, "לערנען תורה לשמה", תורה פאר איין-איינציגסטע סיבה, ווייל דער מלך מלכי המלכים האט מיר געהייסן, און איך וויל אים טון א נחת רוח, און דורך די תורה ווער איך נאנט צו אים.

## דער בחור איז אויף די גרעעעעסטע מדריגה!!!!!!!

ווייל ער טוט רצון ה', פארן באשעפער אליין, **אבער ס'איז זיייייייייער שווער, ווייל למעשה באקומט מען נישט קיין שום אטענשאן, קיינער קוקט נישט אויף דיר, און א מענטש איז דאך נאר א מענטש.** האב איך געזען אין דעם ספר א מורא'דיגע עצה וואס האט מיר געטוישט אויף אייביג, איך בין א נייער מענטש.

## קום שוין צום ווארט, לאמיר שוין הערן די געוואלדיגע עצה?????????

די עצה איז זייער פשוט, מ'הייבט אן אויפצובויען א קשר מיטן אויבערשטן, אבער זייער שטייט, למשל מ'נעמט איין זאך וואס ס'איז נישט שווער. למשל דו זעסט נאכן דאווענען א פיינע לחיים, מיסטו נישט אלעס עסן, קענסט זאגן: "הייליגער באשעפער, איך מעג עסן אלעס, ס'איז הונדערט פראצענט כשר, אבער איך גיי זיך מתגבר זיין, און איך גיי עס נישט עסן, ווייל איך וויל דיר טון א נחת רוח. אדער אז דו קענסט קוקען אויף עפעס, און קיינער אין די וועלט ווייסט נישט - און וועט נישט וויסן - אויב דו האסט געקוקט, חוץ דער באשעפער, און דו האלטסט זיך איין, נאר פאר איין סיבה 'לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו'. אדער דו ווילסט זאגן עפעס וואס איז נישט וויכטיג, און קיינער ווייסט נישט אז דו ווילסט עס זאגן, און דו זאגסט: "רבונו של עולם, איך קען עס זאגן, אבער איך האלט זיך איין, נאר פאר איין סיבה 'לעשות נחת רוח לה'". ווער רעדט נאך ווען עס איז א גוטס און קיינער אין די וועלט - חוץ דער ממ"ה - ווייסט נישט פון דעם...

## דאס איז בדוק ומנוסה ביי הונדערטער...

אז דאס בויט דער קשר מיטן מלך מלכי המלכים, און אויטאמאטיש הייבן דיינע רוחניות'דיגע חושים אן זיך אויפצואוועקן, דו באקומסט א קשר מיט דיין נשמה, און דו זוכסט נישט צו געפעלן דיינע חברים, נאר איינעם וואס איז אסאך מער וויכטיגער, דער באשעפער אליין. ממילא דארף דיר נישט אנגיין וויאזוי מ'קוקט אויף דיר אין ישיבה, ווייל פונקט ווי דער גוטער בחור זוכט נישט צו געפעלן דעם גוי וואס קלינט, אזוי אויך זוכט מען נישט צו געפעלן פאר די נארישע בחורים, נאר ער וויל געפעלן פאר דעם ראש ישיבה, מגי"ש און די גוטע בחורים, ווייל אויף זיי קוקט ער ארויף, און מיט זיי וויל ער האבן א שייכות און געפעלן, די זעלבע וועט זיין ווען דו וועסט באקומען דיין שייכות מיטן באשעפער, דו וועסט זיי אלע אנקוקען ווי זיי קומען נישט צו צום באשעפער, איז פארוואס זאל איך זיי וועלן געפעלן.

## זייער שיין, אבער ווי קומט עס אהער

און וואס האט עס א שייכות מיט באפאפסטיג? זייער פשוט חיים, ווייל אז מ'ווייסט נישט וואס מ'זוכט קען מען עס נישט טרעפן, אז מ'ווייסט נישט וואס מיר האבן פארלוירן קען מען נישט וויינען, און אויב מ'ווייסט שוין, אבער מ'דארף עס נישט - וויינט מען אויך נישט, ממילא מוז מען ברענגען פראבלעמען וואס זענען א תוצאה פון די חורבן בית המקדש, אבער נישט אז דאס איז געווען די גרויסע אבידה נאר דאס שוין א תוצאה, פון די אבידה.....

## נו, משה וואס איז די עצהו

אז מ'בויט אויף א שייכות מיטן באשעפער אגאנץ יאר, און מ'שפירט אז מ'האט - און מ'וויל - האבן א שייכות, דעמאלס קען מען מסביר זיין, אז וויבאלד ס'איז דא א חורבן בית המקדש ממילא פעלט אין די קשר, מ'קען נישט האבן די אמת'ע ריכטיגע קשר ווילאנג מ'איז אין גלות, און מ'האט נישט דאס בית המקדש.

נאכמער ווי דעם אז מ'האט א שייכות מיט אים, טוט עס באמת וויי אויב איינער פארשעמט אים, און די חורבן בית המקדש איז די גרעסטע חילול כבוד שמים וואס עס איז דא, און דער באשעפער איז אין צער, וויבאלד אלעס וואס מען טוט טוט מען אים צו טון א נחת רוח, און ווילאנג דאס בית המקדש איז חרוב איז דער באשעפער אין צער, און מיר קענען נישט האבן אונזער שייכות ווי עס דארף צו זיין. ממילא ווען עס קומט אן תשעה באב וויינט מען, ווייל איך פיל ווי מיין באליבטער טאטע ווערט אזוי שטארק פארשעמט, איך שפיר זיין צער, איך פיל ווי שטארק איך וויל אים האבן, ווייל דאס זוך איך אגאנצע יאר.

## מיר וויינען נישט אויף באפאפסטיק

ווייל סיי איך און סיי דו ווייסן נישט וואס עס איז, און מיר זוכן עס נישט, אבער אויב מיר ארבעטן אויף אונזער שייכות מיטן באשעפער וועלן מיר אים זוכן, ממילא וועט אונז שטערן און באדערן אויב מיר קענען עס נישט באקומען, און מ'וועט נישט דארפן טרעפן מאדנע וועגן זיך צו ברענגען צו וויינען.

### בקיצור למעשה.

וויינען ווינט מען נאר אויב מ'האט פארלוירן עפעס וואס איז וויכטיג, און מ'וויל עס אזוי שטארק באקומען, און אויך ווי מער שייכות א מענטש האט, אלץ מער וועט אים וויי-טון ווער עס איז מצער דעם מיט וועמען ער האסט שייכות מיט. ממילא אויב דו האסט אגאנץ יאר בכלל נישט געטראכט אז עס פעלט דיר עפעס, און דיין קשר מיטן באשעפער איז סתם, דעמאלס פארוואס זאלסטו וויינען, פונקט פארקערט, אויב דו וויינסט וועט מען דיר פרעגן "פארוואס וויינסטו?" [ אוודאי די נשמה קען שפירן, מיר רעדן נאר לויט די ענין].

### אבער

אויב מ'בויט אויף די קשר מיטן באשעפער, דעמאלס וועט מען וויינען פאר צוויי סיבות, א] ווייל ס'וועט אונז באדערן אז מיר קענען נישט זיין נאנט צום באשעפער וואס מיר ווילן אזוי שטארק, ב] אויך וועט אונז באדערן די צער פון דעם באשעפער, ווייל מ'וועט פילן א פערזענליכע קשר.

**מ'וואלט נאך געדארפט מאריך זיין, אבער מחמת חוסר מקום וועלן מיר עס לאזן אזוי, ודי לחכימא ברמיזא.**

### להסיר מכשול

וואס בין איך שולדיג אז איך בין זייער א גוטע בחור? וואס דורך דעם איז שווער צו לערנען תורה לשמה און צוקומען צי די מדריגה פון די שוואכערע בחור, ביזסט גערעכט אזוי גייט עס הגדול מחבירו יצרו גדול, אין עס איז א עבודה, אבער די עיקר וויל איך אז די א בחור וואס איז נישט די גרעסטע בעל כשרון זאל וויסן אין וועלעכע מדריגה ער שטייט, אין ער זאל נישט זיין צובראכען, אדרבה פונקט פארקערט זיי בשמחה ווייל די האלטסט אויף זייער אן הויכע מדריגה!!!!!!!!!!